**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/25/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט מער פון 483 מיליאן דאלאר אין "BRIDGE NY" געלטער צו איבערבויען און ערזעצן לאקאלע בריקן און וואסער טונעלן

***פראגראם שטיצט באמיאונגען צו פארשטערקערן קריטישע אינפראסטראקטור און מאכן לאקאלע קאמיוניטיס מער שטאנדהאפטיג קעגן די ווירקונגען פון קלימאט טויש***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 483 מיליאן דאלאר אין הילף צו איבערבויען און ערזעצן בריקן און וואסער טונעלן אונטער שאסייען וועלן בקרוב זיין צו באקומען פאר לאקאלע רעגירונגען אריבער ניו יארק אין די לעצטע רונדע פון די סטעיט'ס פאפולערע BRIDGE NY איניציאטיוו. די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט וועט ארבעטן דורך לאקאלע פלאנירונג ארגאניזאציעס צו פארטיילן די פינאנצירונג פאר טאונס, ווילעדזשעס און אנדערע רעגירונג קערפערשאפטן אין יעדער ראיאן פון די סטעיט זיי צו העלפן באפעסטיגן זייער עקזיסטירנדע אינפראסטרוקטור און פארמערן די שטאנדהאפטיגקייט קעגן שווערע וועטערס. די סטעיט'ס BRIDGE NY איניציאטיוו שטיצט פראיעקטן וועלכע באקעמפן קלימאט טויש דורכן רעדוצירן די סכנה פון פארפלייצונגען, פארשטערקערן די שטאנדהאפטיגקייט פון סטרוקטורן און ערמעגליכן ראיאנישע עקאנאמישע הצלחה, און עס גיבט פריאריטעט פאר פראיעקטן וועלכע בענעפיטירן אזעלכע קאמיוניטיס וועלכע קומען זיך ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט.

"ניו יארק פילט שוין יעצט די ווירקונגען פון קלימאט טויש מיט די מער און מער אפטע שווערע וועטערס וואס האבן בלויז דעם יאר אפגעשוואנקען עטליכע וויכטיגע בריקן און שאסייען אין אונזער סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אינוועסטירונגען וואס מיר מאכן דורך דעם 'BRIDGE NY' פראגראם וועלן העלפן לאקאלע רעגירונגען פארמערן די זיכערהייט, באפעסטיגונג, שטאנדהאפטיגקייט און פארלעסליכקייט פון זייער אינפראסטרוקטור, פארמערנדיג די מעגליכקייט פון אונזערע בריקן צו קענען ביישטיין עקסטרעמע וועטערס און לאזן ניו יארקער זיך באוועגן."

די היינטיגע אנאנס בויט ארויף אויף די אומגעפער 1.2 ביליאן דאלאר וואס זענען שוין פארטיילט געווארן פאר לאקאלע רעגירונגען אין די פארגאנגענהייט אונטער די BRIDGE NY איניציאטיוו אין לויף פון די עטליכע פארגאנגענע יאר. אלס טייל פון די סטעיט'ס היסטארישע 32.8 ביליאן דאלארדיגע אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג פלאן וואס איז אנגענומען געווארן לעצטע יאר, איז נאך 1 ביליאן דאלאר צוגעטיילט געווארן פאר BRIDGE NY, דערמיט טאפלנדיג די גרויסקייט פון דעם פראגראם. די לעצטע רונדע פון אינוועסטירונגען אונטער דעם פראגראם וועט געמאכט ווערן אין די קומענדיגע חודשים אזוי ווי NYSDOT ארבעט דורך די לאקאלע פלאנירונג פראצעדור מיט ראיאנישע און שטאטישע פלאנירונג ארגאניזאציעס. די געלטער וועלן שטיצן אלע שטאפלען פון די פראיעקטן, אריינרעכענענדיג דעזיין, ערהאלטונג פון די נויטיגע ערלויבענישן און קאנסטרוקציע.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול מאכט קריטיש-וויכטיגע אינוועסטירונגען אין אינפראסטרוקטור וואס וועלן פארשטערקערן אונזערע לאקאלע קאמיוניטיס און אונז העלפן באקעמפן די חורבנות-אנזייענדע השפעות פון קלימאט טויש. דורכן העלפן לאקאלע רעגירונגען פארשטערקערן זייערע בריקן און וואסער טונעלן אונטער שאסייען, קענען מיר מאכן אונזערע שאסייען מער שטאנדהאפטיג און גרייט צו ביישטיין וואס אימער די נאטור ברענגט אן — באזונדערס עקסטרעמע וועטערס."

**סענאטאר טשאק שוּמער האט געזאגט,** "דער אומפארטייאישער 'אינפראסטרוקטור און דזשאבס געזעץ' העלפט פארמאכן די לאך מיט אינפראסטרוקטור פראיעקטן אריבער די עמפייער סטעיט וועלכע וואלטן שוין פון לאנג געדארפט דורכגעפירט ווערן. די איבער-400 מיליאן דאלאר אין BRIDGE NY געלטער וועלן נישט נאר מאכן בריקן און וואסער טונעלן אריבער די סטעיט זיכערער און מער פארזיכערט דורכאויס עקסטרעמע וועטערס, נאר עס וועט אויך פארשטערקערן די עקאנאמישע וואוילזיין פון אונזערע לאקאלע קאמיוניטיס. און איך לויב אויס גאווערנער האקול פאר אירע באמיאונגען צו אוועקשטעלן ניו יארק'ס טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור אויף די רעלסן צו א מער שטאנדהאפטיגע און ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "מיט די אויפשטייג אין עקסטרעמע וועטערס, איז דאס קריטיש אז מיר זאלן פארשטערקערן און באשיצן קריטישע אינפראסטרוקטור אויף וועלכע ניו יארקער זענען אנגעוויזן. די פינאנצירונג וועט ברענגען קריטישע פארבעסערונגען צו די זיכערהייט, באפעסטיגונג און שטאנדהאפטיגקייט פון בריקן און וואסער טונעלן אריבער ניו יארק סטעיט. איך בין שטאלץ צו שטיצן די אינוועסטירונג און גאווערנער האקול'ס באמיאונגען צו מאכן קריטישע אינפראסטרוקטור מער שטאנדהאפטיג קעגן שווערע וועטערס."

**קאנגרעסמאן דזשאָו מארעלי האט געזאגט,** "דורך פארגעזעצטע אינוועסטירונגען אין אונזער אינפראסטרוקטור, קענען מיר פלעגן עקאנאמישע אנטוויקלונג, רעדוצירן די דויערונג פון רייזעס, פארשטערקערן זיכערהייט און פארמערן צוגענגליכקייט — דערמיט אויספלאסטערנדיג די וועג פאראויס צו א מער בליהענדע און פארבינדענע צוקונפט. איך בין שטאלץ צו האבן געליפערט די פינאנצירונג פאר דעם פראיעקט, און איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו די מאדערניזירונג פון ניו יארק'ס אינפראסטרוקטור."

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** "אן אינוועסטירונג אין אונזער אינפראסטרוקטור איז נישט בלויז אן אינוועסטירונג אין די ווירקזאמקייט פון אונזערע שאסייען און בריקן, נאר עס איז זאגאר אן אינוועסטירונג אין אונזער ארבעטסקראפט און אין אונזערע לאקאלע עקאנאמיעס אריבער ניו יארק. איך בין שטאלץ געווען צו ארבעטן צוזאמען מיט די גאווערנער, מאיאריטעט פירערין ענדריע סטוּערט-קאָזינס און מיינע קאלעגן אין די דעמאקראטישע קאנפערענץ צו ליפערן רעקארד-הויכע פינאנצירונג פאר לאקאלע רעגירונגען אריבער די סטעיט, ווייל מיר האבן געזעהן ערשטהאנטיג וויאזוי די דאלארן האלטן קאמיוניטיס פארזיכערט און שטופן למעשה וואוקס און שטאנדהאפטיגקייט."

**אסעמבלי מיטגליד וויליאם ב. מאגנארעלי האט געזאגט,** "די אנאנס איז פאנטאסטיש. ניו יארקע אינפראסטרוקטור פארלאנגט אויפהאלטונג און פארבעסערונג. די גאווערנער'ס אינוועסטירונג באררייכערט די קוואליטעט פון לעבן פאר אלע ניו יארקער."

אין יולי 2023 האט גאווערנער האקול אנאנסירט מער פון 516 מיליאן דאלאר פאר 216 פראיעקטן אונטער דעם BRIDGE NY פראגראם וואס וועט צושטעלן הילף פאר 141 לאקאלע רעגירונגען צו איבערבויען און ערזעצן בריקן אריבער ניו יארק סטעיט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418